**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר קליידונג מאדע אינאוואציע צענטער במשך ׳ניו יארק פעשען וויק׳**

***צענטער וועט שטיצן די שטאנדהאפטיגע אנטוויקלונג פון ניו יארק סטעיט טעקסטילן פאר טראגבארע טעכנאלאגיעס און קליידונג מאדע אינדוסטריע באניץ***

***וועט עטאבלירן א פיזישע צענטער צו באהעפטן אָפסטעיט אגריקולטור און דאונסטעיט קליידונג מאדע אינדוסטריעס פאקוסירט אויף א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן 10 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג פאר דעם ׳פעשען אינאוואציע צענטער׳, וואס וועט אונטערהייבן א צוזאמגעארבעטע צוגאנג צו ניצן ניו יארק סטעיט פראדוצירטע ׳סמאַרט׳ און שטאנדהאפטיגע טעקסטילן. ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וועט אנפירן דאס שאפן א קאנסארטיום-געפירטן FIC, וואס וועט אויסניצן קענטעניס פון ניו יארק סטעיט אוניווערסיטעטן, פאַרמס, קליידונג מאדע אינדוסטריע פירער, און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס. דער FIC וועט פאקוסירן אויף דאס אדרעסירן קליידונג מאדע אינדוסטריע געברויכן, אויסניצנדיג ניו יארק סטעיט-פראדוצירטע פראדוקטן פאר פאדעם מאטעריאלן, און קולטיווירן טעכנאלאגיע וואס פירט פאראויס שטאנדהאפטיגקייט און אינאוואציע דורך טראגבארע טעכנאלאגיעס אין די קליידונג מאדע און טעקסטיל אינדוסטריעס. דער FIC וועט אויך אריינברענגען א שטאנדהאפטיגע ׳פעשען אינאוואציע צענטער עקסעלערעיטאר׳, פאקוסירט אויף דאס שאפן קלוגע און שטאנדהאפטיגע אלטערנאטיוון וואס לייזן גרויספארנעמיגע אינדוסטריע פראבלעמען, שאפן גרינע דזשאבס, הייבן אונטער אין-סטעיט-געשאפענע טעקסטילן, און שטיצן שטאנדהאפטיגע קליידונג מאדעס.

גאווערנער האוקול האט אויסגעמאלדן דעם נייעם FIC במשך ׳ניו יארק פעשען וויק׳, וואס ציעט זיך פון סעפטעמבער 7 ביז סעפטעמבער 14. אין אנערקענונג פון דער אינדוסטריע-ברייטע צוזאמקונפט, האט דער גאווערנער זיך באטייליגט אין דעם ׳קאוטש׳ קליידונג מאדע פארשטעלונג אין ניו יארק סיטי.

״אלס דער קליידונג מאדע קאפיטאל פון דער וועלט, איז ניו יארק פערפעקט צוגעפאסט פאר טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע לייזונגס-מיטלען צו מאכן דעם העכסט-בליענדער אינדוסטריע מער המצאה׳דיג און מער שטאנדהאפטיג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער ׳פעשען אינאוואציע צענטער׳ וועט שטיצן צוזאמארבעט לענגאויס קליידונג מאדע, אגריקולטור, און אנדערע אינדוסטריעס צו רעדוצירן אונזער ענווייראנמענטאלע אויסניץ, באגרעניצן אפפאל און שאפן געלעגנהייטן לענגאויס ניו יארק סטעיט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״אגריקולטור איז א וויכטיגע טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע און אזוי ווי דער קליידונג מאדע אינדוסטריע ציעט זיך צו זא מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט מוזן מיר קאפיטאליזירן אויף דעם

געלעגנהייט צו באהעפטן די אגריקולטור און קליידונג מאדע אינדוסטריעס, ביידע פון וועלכע זענע העכסט-נייטיג פאר׳ן צוקונפט פון אונזער סטעיט. דער נייער ׳פעשען אינאוואציע צענטער׳ וועט מאכן ניו יארק סטעיט א פירער אין אונטערהייבן ארטיג-געשאפענע שטאנדהאפטיגע פעדעמער מאכן וואקסן דזשאָבס, און העלפן דערגרייכן גאווערנער האוקול׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט צילן.״

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״ארטיג-געשאפענע סחורות און די פאַרמער וועלכע פראדוצירן זיי זענען א וויכטיגער טייל פון ניו יארקער אגריקולטור. מיר זענען דערהייטערט אז דער ׳פעשען אינאוואציע צענטער׳ס׳ ארויסהייבונג פון ניו יארק סטעיט פאַרמער און פראדוצירער וואס שאפן פאדעם און טעקסטילן שטיצט אונזער סטעיט עקאנאמיע און ארטיגע קאמיוניטיס בשעת׳ן גלייכצייטיג פאקוסירן אויף ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט — א געווינס פאר יעדן.״

אלוועלטליך, ביישטייערט דער קליידונג מאדע און טעקסטיל אינדוסטריע 1.2 ביליאן טאָנען שעדליכע לופט-פארפעסטונג יערליך — מער ווי אלע אינטערנאציאנאלע פלי-רייזעס און ים-שיקונגען אינאיינעם. דאס איז צוליב די שווערע אנגעוואנדנקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף, דעצענטראליזירטע סופליי-טשעינס, און אומפאסיגע ענדע לעבן פראדוקט אוועקפירונג. נייע טעכנאלאגיעס און מאטריאל פראצעס מהלכים טוען אנבאטן די פאטענציעל פאר מער ׳קלוגע׳ און שטאנדהאפטיגע קליידונג מאדעס, און ניו יארקער פאַרמס פראדוצירן יעצט די נויטיגע רויע מאטריאלן, ווי צ.ב.ש. לייוונט, פלאקס, באוול, און העמפ וועלכע קענען טראנספארמירט ווערן אויף טעקסטילן וואס קענען געניצט ווערן אין די אנווענדליכקייטן אויף א גרעסערן פארנעם.

שטאנדהאפטיגע טעקסטילן זענען דער צוקונפט פון קליידונג מאדעס, און ניו יארק סטעיט שטייט גרייט צו פירן דעם וועג אין די עקאלאגיש פאראנטווארטליכע פראדוקציע פון די מאטעריאלן. קלוגע טעקסטילן זענען א טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע אינדוסטריע וואס האבן אנווענדליכקייטן פאר אומצאליגע פראפעסיעס, פון ספארטלער צו ערשטע רעספאָנדערס און מעדיצינישע פראפעסיאנעלן.

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ס׳ דיוויזיע פון וויסנשאפט, טעכנאלאגיע און אינאוואציע וועט ארויסגעבן א ׳פארבעט פאר פארשלאגן׳ אויסצווויילן דעם קאנסארטיום, וואס וועט ארייננעמען אוניווערסיטעטן, ביזנעסער, פאַרמער, קליידונג מאדע אינדוסטריע פירער, און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס. דער ׳עקסעלערעיטאר׳, וואס געפונט זיך אינערהאלב דעם FIC, וועט פארזארגן פלאץ פאר אנהייב פאזע פירמעס אויף אנטוויקלונגען וואס פארמאגט הויכע פאטענציעל אין דעם געביט, וועלכע זענען שטארקע קאנדידאטן פאר קאמערציעליזאציע און קענען ארויסגערופן ווערן צו לייזן דיווירקליכע פראבלעמען פון אינדוסטריע צוזאמארבעטער.

דער FIC וועט פארבעטן, שאצן און האבן אויפזיכט אויף פראיעקטן פאקוסירט אויף אדרעסירן אינדוסטריע ארויספאדערונגען און געלעגנהייטן, מיט זכות קדימה געגעבן פאר די וואס האבן א חלק אין ניצן ניו יארק סטעיט פראדוקטן און מאטעריאלן, און קולטיווירן טעכנאלאגיע וואס פארשנעלערט שטאנדהאפטיגקייט אין די קליידונג מאדע און טעקסטיל אינדוסטריע. דורך א פארמעסטערישע פראצעס וועט דער FIC פארזארגן גרענט פינאנצירונג צו ניו יארק סטעיט קלענערע ביזנעסער אין די קליידונג מאדע אינדוסטריע, אנבאטנדיג א קריטיש-וויכטיגע קשר צווישן אינדוסטריע פירער און אינאוואציע און שטיצנדע פראיעקטן וועלכע צילן אויף צו פארבעסערן אינדוסטריע שטאנדהאפטיגקייט.

**סטעיט סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״שטאנדהאפטיגע טעקסטילן זענען נישט בלויז דעם צוקונפט פון קליידונג מאדעס נאר אויך דעם צוקונפט פון אן אויפקומענדן פאַרם-צו-סחורה אינדוסטריע וואס קלענערע פאדעם פאַרמער פירן שוין. מיט דער דערהייטערנדן נייעם אינאוואציע צענטער ביי ׳ניו יארק פעשען וויק׳ און שטיצע פאר אינדוסטריע אויפטרייבונג לעגיסלאציע, ווי מיין ביל,

דער ניו יארקער טעקסטיל אקט (S8741A), קענען מיר מאכן ניו יארק א מעכטיגע פראדוצירער פון ענווייראנמענטאל-גינציג טעקסטילן פאר'ן באניץ אין יעדן סעקטאר וואו עס פארלאנגט זיך סחורה. אויסברייטערן ניו יארק'ס הי-געשאפענע טעקסטיל אינדוסטריע איז א קלארע געווינס פאר אונזער עקאנאמיע און אונזער קאמף קעגן דעם קלימאט קריזיס, און איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר צוזאמארבעט אין בויען א מער שטאנדהאפטיגן צוקונפט."

**אסעמבלי-מיטגליד קערי װאערנער האט געזאגט,** "עס פריידט מיך אזוי צו זען די עלעמענטן פון דעם טעקסטיל אקט קומען זיך צונויף צו דער ווירקליכקייט. עס איז פאראן אזויפיל פאטענציעל אין דאס צוזאמפלעכטן שאפערישקייט און טעכנאלאגיע און די שניידפונקט פון פאדעם און קליידונג מאדעס. ניו יארק האט די רעסאָרסן פאר יעדן הינזיכט פון דעם פראיעקט, אריינגערעכנט פאַרמער, אינאווירער און קליידונג מאדע אינפראסטרוקטור. איך לויב גאווערנער האוקול'ס עטאבלירונג פון דעם 'פעשען אינאוואציע צענטער'."

**אסעמבלי-מיטגליד דאנע לופארדא האט געזאגט,** "מיר האבן געארבעט שוין א שטיק צייט צו דערהייבן די פאטענציעל פון ניו יארק געוואקסענע טעקסטילן פראדוצירט פאר העמפ און באשעפעניש פייבער. עס געפונט זיך ווירקליכע דערהייטערונג איבער דער צאל געלעגנהייטן וואס דער אינדוסטריע קען צושטעלן, אינאיינעם מיט א ווירקליכע נויט צו אדרעסירן די פילע ארויספאדערונגען וואס זיי שטייען אויס. איך וויל דאנקען דעם גאווערנער, און מיינע קאלעגעס פאר זייער אינטערעס און אנטשלאסנקייט צו דעם נייעם צענטער. און איבערהויפט צו אסעמבלי-מיטגליד קערי װאערנער וואס איז א שטארקע שטיצער פון 'פאַרם-טו-פעשען' אויף אונזער אסעמבלי אגריקולטור קאמיטע."

**איבער "עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט"**
"עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט" איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די 'איי לאָוו ניו יארק', די סטעיט'ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און 'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט', באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418